# בערל דער שנײַדער
# יצחק-לייב פּרץ

ערבֿ יום־כּיפּור, אין בערדיטשעווער שול. צוגעפֿאַלן איז די נאַכט.

די זקנים האָבן אָפּגעזאָגט: "על דעת המקום ועל דעת הקהל..." צעגאַנגען זיך אויף זייערע ערטער. ר' לוי יצחק שטייט בײַם עמוד. ער דאַרף זאָגן "כּל־נידרי" און — שווײַגט.

אַלע אויגן הענגען אויף זײַן רוקן. אין עזרת־נשים — אַ שטילקייט. ווי אויפֿן ים פֿאַר אַ רעש. ער וועט אָנהייבן, און אפֿשר, ווי זײַן שטייגער איז אַמאָל, מיט אַ הקדמה. וועט זיך פֿריִער אויסטענהן, כּדבר איש אל רעהו, מיטן רבונו־של־עולם — אויף מאַמע־לשון...

נאָר ר' לוי יצחק שטייט, אײַנגעהילט אין קיטל און טלית פֿאַרן עמוד און שווײַגט.

וואָס באַטײַט עס?

זענען די שערי־תּפֿילה אַזוי שפּעט נאָך פֿאַרמאַכט? האָט ר' לוי יצחק קיין כּוח נישט אָנצוקלאַפּן? ער שטייט מיטן קאָפּ אַ ביסל איבערגעבויגן, מיט אַן אויער אַרויף:, גלײַך ער הערט עפּעס פֿון דאָרט. וויל ער הערן אויפֿשליסן?

און פּלוצלונג דרייט זיך ר' לוי יצחק אויס צום עולם און גיט אַ רוף: — שמשׂ!

לויפֿט דער שול־שמשׂ צו, פֿרעגט ער אים:

— בערל דער שנײַדער שוין דאָ?

דער עולם ווערט נבֿהל ונשתּומם. דער שמשׂ שטאַמלט: ער ווייס נישט: הייבט זיך אָן אומצוקוקן. ר' לוי יצחק אַליין קוקט זיך אויך אַרום.

— ניין, ער איז נישטאָ! — זאָגט ער. — אין דער היים געבליבן. און ווענדט זיך נאָך אַמאָל צום שמשׂ:

— גיי אַהיים צו בערל שנײַדער און רוף אים אַהער! זאָג, איך, לוי יצחק דער מרא דאַתרא, רופֿט.

גייט ער, דער שמשׂ.

בערל דער שנײַדער וווינט אין שול־געסל, נישט ווײַט פֿון שול. וואַרט מען נישט לאַנג. קומט ער, בערל שנײַדער, אָן קיטל און, אין דער וואָכעדיקער קאַפּאָטע, מיט אַן אָנגערוקטן פּנים און אויגן — האַלב בייזע, האַלב צעשראָקענע, און גייט צו צו ר' לוי יצחקן:

— איר האָט מיך גערופֿן, רבי, בין איך צו אײַך געקומען!

"צו אײַך" איז ער מטעים.

שמייכלט ר' לוי יצחק.

— זאָג נאָר — מאַכט ער — בערעלע, וואָס רעדט מען עס אַזוי־פֿיל פֿון דיר אין דער הייך? עס איז דאָך פֿול מיט דיר פּמליא־של־מעלה. עפּעס אַ רעש האָסטו אָנגעמאַכט: מען הערט נישט מער, נאָר: בערל דער שנײַדער און בערל דער שנײַדער.

— אַהאַ! — מאַכט בערל שנײַדער מיט ניצחון.

— האָסט עפּעס אַ טענה?

זאָגט ער: אַוודאי!

— צו וועמען?

— צום רבונו־של־עולם! — זאָגט ער.

דער עולם אַרום וואָלט דעם שנײַדערוק צעריסן: ר' לוי יצחק צעשמייכלט זיך נאָך ברייטער.

— אפֿשר וועסטו, בערל, דערציילן, וועגן וואָס עס גייט?

— אַדרבא! — זאָגט בערל דער שנײַדער, — מהיכא־תּיתי — זאָגט ער — איך קאָן אַפֿילו פֿאַר אײַך אַ דין־תּורה האָבן! זאָל איך טענהן?

— רעד.

טענהט ער, בערל דער שנײַדער:

— איבערן גאַנצן זומער לאַ־עליכם, רבי, קיין שטאָך אַרבעט נישט געהאַט... נישט פֿון אַ ייִד, נישט, להבֿדיל, פֿון אַ פּויער. כאָטש לייג זיך — זאָגט ער — און שטרעק אויס די צונג.

— אײַ — גלייבט זיך נישט ר' לוי יצחק — זרע אַבֿרהם, יצחק ויעקבֿ זענען דאָך רחמנים בני רחמנים, געדאַרפֿט זיך פֿאַרטרויען.

— דאָס נישט, רבי, איך זאָג נישט און איך נעם נישט!

קיין מתּנת בשׂר־ודם וויל ער נישט. ער האָט אַזאַ חלק אין רבונו־של־עולם ווי יענער...

וואָס ער האָט יאָ געטאָן, — אַ מיידל האָט ער, האָט ער עס אַוועקגעשיקט דינען, ערגעץ אַנדערש, אין אַ גרעסערער שטאָט אַרײַנגעשיקט.

זיצט ער אַזוי אין דער היים און וואַרט, וואָס זײַן ליבער נאָמען וועט טאָן...

פֿאַר סוכּות, די טיר עפֿנט זיך. אַהאַ! דערוואַרט זיך: און עס קומט טאַקע אַרײַן אַ שליח מיוחד פֿון פּריץ, מען רופֿט אים אונטערשלאָגן אַ פּעלץ.

גוט. דער רבונו־של־עולם שפּײַזט! פֿאָרט ער, קומט ער אין פּאַלאַץ אַרײַן. מען פֿירט אים אין אַ חדר־מיוחד אַרײַן, מען גיט אים איבער אַן אונטערשלאַק און מען גיט אים איבער פֿעלעכלעך.

— זאָלט איר זען, רבי, פּוקסענע פֿעלעכלעך! פֿון פּוקסן־לאַנד...

עס איז דאָך כּל־נדרי־צײַט, איז אים ר' לוי יצחק מזרז:

— הכּלל, האָסטו אונטערגעשלאָגן, געטאָן דײַנס בשלמות. וואָס איז ווײַטער געשען?...

— אַ קלייניקייט איז געשען! דרײַ פֿעלעכלעך זענען געבליבן.

— האָסטו זיי צוגענומען?

— נישט אַזוי לײַכט, רבי, ווי עס רעדט זיך! אַז מען קומט אַרויס פֿון פּאַלאַץ שטייט בײַ דער בראָם אַ שומר. האָט ער אַ חשד, באַזוכט ער, טוט די שטיוול אויס. און געפֿינט מען, רבי, בײַ מיר, חס ושלום, פֿעלעכלעך, האָט דער פּריץ כּלבֿים, האָט דער פּריץ ריטער...

— נו, וואָס האָסטו געטאָן?

— איז דאָך אָבער בערל — בערל שנײַדער! גיי איך מיר, רבי, אין קיך אַרײַן, בעט מען זאָל מיר אַהיים געבן אַ ברויט...

— פּת עכּו"ם, בערל!

— נישט, חלילה, צום עסן, רבי! — מען האָט מיר געגעבן אַ ברויט, אַ גרויס ברויט. איך גיי דערמיט צוריק אין שטוב אַרײַן, שנײַד עס אויף, הויל עס אויס, קנעט דאָס ווייכע אַזוי לאַנג אין די הענט, ביז עס ווערט דורכגענומען מיט שוויס און וואַרף עס דעם כּלבֿ, וואָס ליגט אין חדר. אַ כּלבֿ האָט ליב מענטשן־שוויס. און די דרײַ פֿעלעכלעך פּאַק איך אין אויסגעהוילטן ברייטל אַרײַן. און גיי.

בײַ דער בראָם:

— וואָס טראָגסטו, זשידיקל, אונטערן אָרעם?

ווײַז איך: אַ ברויט!

איך קום בשלום אַריבער און אַ ביסל ווײַטער מאַך איך שוין פֿיס...און גיי נישט מיטן וועג, איבער די קשאַקעס גיי איך. פֿעלד אויס, פֿעלד אײַן: אַ קורצע וועג — אַ פֿעלדוועג.

גיי איך און טאַנץ אַ ביסל אונטער: אַן אתרוג וועט זײַן, אַ לולבֿ! נישט קהלס. נישט געבאָרגט ... טײַערע פֿעלעכלעך ...

הייבט אָבער אָן די ערד אונטער מיר עפּעס צו ציטערן!...איך דערקען שוין דאָס ציטערן. אַ רײַטער יאָגט הינטער מיר. מען יאָגט מיר נאָך! דער מאַמעס מילך ווערט מיר אַנטרונען. מן־הסתם, איבערגעציילט די פֿעלעכלעך...אַנטלויפֿן איז נאַריש, אַ רײַטער, דעם פּריצס אַ פֿערד...כאַפּ איך, קודם כּל, דאָס ברייטל און וואַרף אין די קשאַקעס אַרײַן. מאַך מיר פֿונדעסטוועגן אַ סימן, אַ גוטן סימן, און שטעל מיך אָפּ. מען רופֿט שוין:

— בערקאָ! האַ, בערקאָ!

דאָס איז ער, דעם פּריצס קאָזאַקל, איך דערקען זײַן קולכל! אינעווייניק, רבי, ציטערט! די נשמה איז אין די קנעכל, נאָר בערל שנײַדער דרייט זיך אויס, און גייט אַקעגן, מכּלומרשט כּאחד האָדם.

ווײַזט זיך אויס — אַן אומזיסטע שרעק!

איך האָב פֿאַרגעסן אַ הענגער אָנצוניייען, האָט מען נאָך מיר אַ רײַטער געשיקט.

און ער שלעפּט מיך שוין אויפֿן סוס אַרויף. דרייט עס אויס, מען רײַט שוין...

בענטש איך אין האַרצן גומל, ניי אָן דעם הענגער און גיי צוריק.

איך קום צום סימן: ואיננו — נישטאָ דאָס ברויט!

שוין לאַנג נאָך שניט; קיין בן אָדם גייט דאָ נישט, קיין פֿויגל אין דער וועלט וועט אַזאַ משׂא נישט אויפֿהייבן...פֿאַרשטיי איך, ווער עס האָט עס געטאָן...

פֿרעגט ר' לוי יצחק:

— ווער?

— ער! ענטפֿערט בערל שנײַדער, און טײַט מיטן פֿינגער צו דער הייך — דער רבונו־של־עולם, זײַן מעשׂה ידו, רבי! און איך ווייס פֿאַר וואָס...ער, דער האַר דער גרויסער, וויל נישט, אַז זײַן קנעכט, אַז איך, זײַן בערל דער שנײַדער, זאָל נעמען יִיתּור ...

— נו אַוודאי — מאַכט ר' לוי יצחק ווייך — על פּי דין...

— דין־שמין! — מאַכט בערל, — ער ווייסט אַז אַ מינהג ברעכט אַ דין. און נישט איך — זאָגט ער — האָב יִיתּור באַשאַפֿן, אַ מינהג פֿון קדמונים!

— און ווידער — טענהט ער — פֿאַרקערט: איז דער רבונו־של־עולם אַזאַ גרויסער, שטאָלצער פּריץ, און וויל נישט, אַז דער אָרעמסטער עבֿד פֿון זײַנע עבֿדים, זײַן קנעכט בערל דער שנײַדער, וואָס דינט בײַ אים, זאָל נעמען יִיתּור, — זאָל ער געבן פּרנסה. זאָל ער, ווי אַ פּריץ, געבן אָרדינאַריע!

*נישט* דאָס און *נישט* דאָס, וויל ער נישט.

— וויל איך — זאָגט ער — דעם רבונו של עולם נישט דינען. איך האָב — זאָגט ער — אַ נדר געטאָן: אויס!

גיט דער עולם אַרום אַ ברום, ווי אַ בער, הייבן זיך הענט — וויל מען צולויפֿן, ר' לוי יצחק מאַכט:

— שאַ!

דער עולם בלײַבט שטיל און ר' לוי יצחק פֿרעגט בנעימות:

און וואָס ווײַטער, בערל?

— גאָרנישט! — דערציילט ער, — איך קום אַהיים, איך וואַש מיך נישט, איך עס אומגעוואַשן, מײַן פּלוניתטע וויל עפּֿענען אַ מויל, — אַ פֿליאַסק! איך לייג מיך; אָן אַ קריאַת־שמע לייג איך מיך. די לעפֿצן ווילן אַליין זאָגן: איך פֿאַרבײַס מיט די ציין. אין דער פֿרי: קיין ברכה, קיין נטילת־ידים, קיין דאַוונען, קיין טלית ותּפֿילין, "גיב עסן!" מײַן פּלוניתטע מאַכט פּיס פֿון שטוב אַרויס. אין דאָרף אַרײַן, צום פּאָטער, צום אַרענדאַר געלאָפֿן איז זי. איז אָן אַ ווײַב! איך האָב נאָך הנאה דערפֿון. איך, ווי איך, איך בין בערל שנײַדער. זי, אַ שוואַכע יִידענע, זאָל זי *נישט* זײַן אין דער מיט! און איך טו מיר מײַנס: קיין סוכּה, קיין אתרוג, קיין לולבֿ, איך נעם אַמאָל אַ ביסל; יום־טובֿ מאַך איך קיין קידוש נישט. לאַ! שׂימחת תּורה כאַפּ איך, ווי מרדכי נאָך דער גזירה, און טו אָן אַ זאַק איבערן קאָפּ. להכעיס!

קומט סליחות־צײַט, ווערט אַ ביסל קאַלעמוטנע. דער שמשׂ קלאַפּט, דאָס האַרץ קלאַפּט, עס ציט...בין איך דאָך אָבער בערל שנײַדער! אַ וואָרט האַלט איך! איך דעק מיך צו איבערן קאָפּ, איך האַלט אויס! נישט זען... עס קומט ראש־השנה — איך ריר מיך נישט. עס קומט די צײַט פֿון שופֿר בלאָזן, כאַפּ איך וואַטע און פֿאַרשטאָפּ די אויערן... עס רײַסט, דאָס האַרץ רײַסט, אַ צער בעלי־חיים, רבי...און איך מיאוס מיך פֿאַר מיר אַליין. גיי אַרום אומגעוואַשן, אין אומריינקייט. אַ שטיקל שפּיגעלע הענגט, איך דריי עס איבער צו דער וואַנט, איך וויל מײַן פּרצוף נישט זען...דער עולם, דערהער איך, גייט צו תּשליך...

ער בלײַבט שטיל אַ ווײַלע און שפּרינגט באַלד אונטער!

— אָבער געזעכט, רבי, בין איך! אָפּטרעטן מיט גאָרנישט וועל איך נישט!

טראַכט ר' לוי יצחק אַ ווײַלע און פֿרעגט:

— און וואָס־זשע ווילסטו, בערל שנײַדער? ... ווילסט פּרנסה?

בערל באַליידיקט זיך:

— קײַ און שפּײַ פּרנסה! פּרנסה האָט ער פֿרײַער געזאָלט געבן! און פּרנסה קומט יעדן! דעם פֿויגל אין דער לופֿט, דעם ווערעמל אויף דער ערד, פּרנסה איז אָרדינאַריע, אַצינד וויל בערל שנײַדער מער!

— זאָג, בערעלע, וואָס.

און בערל שטעלט זיך אָפּ:

— אמת, רבי, יום־כּיפּור איז נאָר מכפּר אויף עבֿירות שבין אָדם למקום?

— אמת!

— און עבֿירות שבין אָדם לחבֿרו — נישט?

— ניין!

גלײַכט זיך בערל שנײַדער אויס אין דער הייך, ווי אַ סטרונע, און זאָגט פֿעסט און הויך:

— וויל איך, בערל שנײַדער, אַנדערש זיך נישט אונטערגעבן, אַנדערש צוריק אין דער דינסט צום רבונו־של־עולם נישט אַרײַנטרעטן, ביז דער רבונו־של־עולם וועט נישט דאָס יאָר, מיר צוליב, מוחל זײַן די עבֿירות אויך! בין איך גערעכט, רבי?

— גערעכט! — ענטפֿערט ר' לוי יצחק — און האַלט דיך — זאָגט ער — בײַ דער דעה, מען וועט דיר מוזן נאָכגעבן...

און ער קערט זיך אום צום עמוד, קוקט אַרויף, הערט זיך אײַן אַ ווײַלע און איז באַלד מבֿשׂר:

— האָסט געפּועלט, בערל! גיי נאָך קיטל און טלית!